**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**בעפאר׳ן צענטן יארטאג פון סופערסטאָרם ׳סענדי׳, אנאנסירט גאווערנער האוקול נייע אפיס פון ווידערשטאנד-פעאיגע שטובער און קאמיוניטיס אויף צו באשיצן ניו יארקער פון קלימאט ענדערונג**

***נייע, קביעות׳דיגע גאנץ-סטעיט׳יגע אפיס וועט ווייטער פירן ניו יארק׳ס לאנד-וועגווייזיגע קאמיוניטי ערהוילונג און באפעסטיגונג באמיאונגען***

***גיבט ארויס 10-יעריגער יארטאג באריכט אויסרעכענענדיג גאווערנער׳ס ׳אפיס פון שטורעם ערהוילונג׳ס׳ פארשריטן ביז היינט אויף סופערסטאָרם ׳סענדי׳׳ ערהוילונג***

***אנאנסירט 19 ביליאן דאלער אינוועסטירט אין עלעקטרישע ׳גריד׳ איבער 10 יאר אויף צו באשיצן ניו יארקער פון עקסטרעמע וועטער עלעקטרישע קראפט אויסלעשונגען***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אפגעצייכנט דעם 10-יעריגן יארטאג פון סופערסטאָרם ׳סענדי׳ דורך מעלדן דאס שאפן דעם ׳אפיס פאר ווידערשטאנד-פעאיגע שטובער און קאמיוניטיס׳, א נייע אפיס צו פירן ניו יארק׳ס האוזינג ערהוילונג און קאמיוניטי באפעסטיגונג באמיאונגען. דער נייער ׳אפיס פאר ווידערשטאנד-פעאיגע שטובער און קאמיוניטיס׳ וועט בויען אויף די ארבעט פון דעם גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג, וואס איז געשאפן געווארן אין 2013 צו פארוואלטן דעם סטעיט׳ס לאנג-טערמיניגער ערהוילונג פון סופערסטאָרם ׳סענדי׳ און אויפצוזען די אויסגאבן חפון 4.5 ביליאן דאלער אין פעדעראלע דיזעסטער ערהוילונג געלטער צוגעשטעלט דורכ׳ן ׳דיזעסטער פארלייכטערונג אפראפריאציעס אקט פון 2013׳. אלס א קביעות׳דיגע אפיס אינערהאלב ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳, וועט דער ׳אפיס פאר ווידערשטאנד-פעאיגע שטובער און קאמיוניטיס׳ וועט אונטערנעמען גאווערנער׳ס אפיס פון שטורעם ערהוילונג׳ס פארטפעל און זיך אנשליסן מיט די סטעיט׳ס דיזעסטער אפרוף אגענטורן צו פירן די לאנג-טערמיניגע ערהוילונג פאר שטובער און קאמיוניטיס און אנטוויקלען א ריי באפעסטיגונג איניציאטיוון און סטראטעגיעס לענגאויס דעם סטעיט.

״מיט דעם נייעם ׳אפיס פאר ווידערשטאנד-פעאיגע שטובער און קאמיוניטיס׳ נעמען מיר א גרויסן טריט פאראויס אויף צו באשיצן און פארשטערקערן ניו יארק פאר די קומענדיגע דורות,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״צען יאר צוריק, האט סופערסטאָרם ׳סענדי׳ זיך אנגעשטויסן אויף אונזערע בארטנס און איבערגעקערט די לעבנס, שטובער און ביזנעסער פון אומצאליגע ניו יארקער, אבער אדאנק אונזערע העלדישע ערשטע רעספאָנדערס, שטארקע קאמיוניטי-געפירטע פלאנירונג און אויסגעצייכנטע צוזאמענארבעטשאפטן, איז ניו יארק׳ס ערהוילונג געווען אויסערגעוויינליך. מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן אירע לאנד-וועגווייזיגע באמיאונגען אויף זיך צוצוגרייטן פאר צוקונפטיגע וועטער פאסירונגען, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט קאמיוניטיס, אגענטור צוזאמארבעטער, און ארטיגע, סטעיט און פעדעראלע באאמטע צו בויען א בעסערע, שטערקערע און מער ווידערשטאנד-פעאיגע ניו יארק.״

דער גאווערנער האט אויך ארויסגעגעבן א 10-יעריגער יארטאג באריכט אויסרעכענענדיג GOSR׳ס פארשריטן ביז היינט אויף די סופערסטאָרם ׳סענדי׳ ערהוילונג באמיאונג. אין אלגעמיין, אונטער GOSR׳ס אנווייזונג, האט דער סטעיט אויסגעגעבן 91 פראצענט פון איר 4.5 ביליאן דאלערדיגע באשטימונג דורכ׳ן ״יו-עס דעפּארטמענט פון האָוזינג און אינער-שטאטישע דעוועלאפמענט״ (HUD) קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאָק גרענט - דיזעסטער ערהוילונג (CDBG-DR) פראגראם האט אויסגעפירט איבער 11,000 האוזינג אויפריכטונג און באפעסטיגונג פראיעקטן און פארזארגן שטיצן פאר איבער 1,000 קלענערע ביזנעסער לענגאויס ניו יארק. דער סטעיט האט אויך אינוועסטירט 19 ביליאן דאלער אין דעם עלעקטרישן ׳גריד׳ לענגאויס דעם סטעיט אויף צו באשיצן ניו יארקער פון עקסטרעמע וועטער עלעקטרישע קראפט אויסלעשונגען, אריינגערעכנט 4.9 ביליאן דאלער אינוועסטירט אין לאנג איילענד, במשך די פארלאפענע צען יאר.

גאווערנער האוקול האט דאס ערשטע מאל פארשפראכן א קביעות׳דיגע ווידערשטאנד-פעאיגקייט קערפערשאפט אין איר סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע. דער נייער ׳אפיס פאר ווידערשטאנד-פעאיגע שטובער און קאמיוניטיס׳ וועט בויען אויף GOSR׳ס ארבעט און ערפילן דעם גאווערנער׳ס צוזאג צו שטיצן ניו יארקער פאמיליעס נאך אלץ באווירקט דורך סופערסטאָרם ׳סענדי׳ דורך:

- **ארבעטן דירעקט מיט ניו יארקער און קאמיוניטיס** בעפאר און נאך דיזעסטערס, אויסניצנדיג פארגרעסערונג-פעאיגקייט און ווירקזאמע פראגראם מוסטערן וואס האבן ארויסגעהאלפן היים אייגנטימער צו פארטיגן איבער 11,000 פאררירכטונג און פלייצונג לינדערונג פראיעקטן ,אריינגערעכנט איבער 3,000 היים דערהייבונגען.
- **אויספירן גלאטיגע טראנזיציע** פון זאפארטיגע אפרוף ביז לאנג-טערמיניגע ערהוילונג, פאר צוקונפטיגע ווידערשטאנד-פעאיגקייט דורך איינקערפערן לאנג-טערמיניגע פלאנירונג אין דעם ערהוילונג פראצעס.
- **פאראויס-פירן יושר'דיגקייט פאר ניו יארקער** אויסגעשטעלט צו קאטאסטראפעס דורך באטאנען די באדינגונגען פאר קאמיוניטיס אין שוואכערע אומשטענדן אידענטיפיצירט דורך ניו יארק׳ס קלימאט יוסטיץ ארבעט גרופע אנצופירן דעם יושר׳דיגן איינפירונג פון דעם סטעיט׳ס אמביציעזן קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט.

**׳אפיס פאר ווידערשטאנד-פעאיגע שטובער און קאמיוניטיס׳ עקזעקיוטיוו דירעקטארין קעיטי ברענען האט געזאגט**, ״דער נעקסטער עקסטרעמע וועטער פאסירונג איז א פראגע פון ווען, נישט אויב. מיר זענען באגייסטערט אויף בקביעות אנצוהאלטן אונזער ערהוילונג און ווידערשטאנד-פעאיגקייט ארבעט און בויען אויף אונזערע אויפטואונגען. מיר ווען פארשטערקערן אונזער פעאיגקייט צו ארבעטן מיט ניו יארקער בעפאר, בשעת און נאך עקסטרעמע וועטער פאסירונגען און גלייכצייטיג אויך פריאריטיזירן יושר׳דיגקייט און דירעקטע מיינונג-מיטטיילן פון די אין אויסגעשטעלטע קאמיוניטיס. א דאנק אייך גאווערנער האוקול פאר אייער פאראויס-דענקנדע וויזיע פון קאמיוניטי ווידערשטאנד-פעאיגקייט.״

**ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״אין די צען יאר פארלאפן זינט האריקעין ׳סענדי׳ האט צעקלאפט און צעשלאגן טיילן פון ניו יארק, זענען מיר נאכאמאל און נאכאמאל דערמאנט געווארן איבער די ריזיקעס וואס עקסטרעמע וועטער פאסירונגען און ׳גלאָבעל וואָרמינג׳ שטעלט אויס פאר דער זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס. היינט איז ניו יארק א נאציאנאלער פירער אין באקעמפן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונגאון דער נייער ׳אפיס פאר ווידערשטאנד-פעאיגע שטובער און קאמיוניטיס׳ וועט פארזיכערן אז מיר בלייבן לעיסער-פאקוסירט אויף שאפן זיכערע און פאסיגע האָוזינג פאר ניו יארקער און גלייכצייטיג מאכן אונזערע קאמיוניטיס מער וואוינבאר און ווידערשטאנד-פעאיג. אדאנק גאווערנער האוקול׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגע ןאין

דעם סטעיט׳ס האָוזינג, אינפראסטרוקטור און אלגעמיינע גרייטקייט, זענען מיר אויפ׳ן וועג צו שאפן א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר ניו יארק.״

**DEC קאמיסיאנער און קלימאט אקציע קאונסיל מיט-פארזיצער באסיל סעגאוס האט געזאגט**, ״קלימאט-געטריבענע עקסטרעמע וועטער פאסירונגען און שטורעמעס ווי סופּערסטאָרם ׳סענדי׳ גייען נישט אוועקגיין, און DEC שטאלצירט זיך צו האבן א חלק אין די אומצאליגע אויפטואונגען מיט אונזערע פילע צוזאמארבעטער פון אלע שיכטן פון רעגירונג אויף צו העכערן קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט, פארשטערקערן אינפראסטרוקטור און פארבעסערן אונזערע נאטורליכע אייגנשאפטן. אונטער גאווערנער האוקול׳ס אנגייענדע פירערשאפט קוקט DEC ארויס פארצוזעצן די ערהוילונג, איבערבויענדיג מיט איבערצייגטע רעזולטאטן וואס העלפן אדרעסירן קלימאט ווירקונגען און פארזיכערן אז קאמיוניטיס זענען בעסער צוגעגרייט ווען דער נעקסטער שטורעם וועט אנשטויסן.״

**קאנגרעסמאן גרעגארי וו. מיקס האט געזאגט**, ״מיר שטעלן זיך אפ אויף צו נעמען א מאמענט צו אנערקענען די לעבנס פארלוירן צוליב סופּערסטאָרם ׳סענדי׳ 10 יאר צוריק און דער חורבן וואס עס האט פאראורזאכט פאר ניו יארק, איבערהויפט אין די ראקעוועיס. כאטש מיר האבן געמאכט אסאך פארשריט אין איבערבויען ניו יארק, בלייבט נאך אסאך ארבעט צו טון. איך דאנק דעם גאווערנער פאר איר פירערשאפט און דאס שאפן דעם אפיס פון ערהוילונג און שטאנדהאפטיגקייט. איך קוק ארויס אויף פארצוזעצן ווייטער די ארבעט מיט גאווערנער האוקול און אונזערע צוזאמארבעטער ביי יעדן שטאפל אויף צו פארבעסערן אונזער סטעיט׳ס אינפראסטרוקטור.״

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף אדאבא האט געזאגט,** ״צען יאר צוריק האט סופּערסטאָרם ׳סענדי׳ דורכגעריסן ניו יארק און איבערגעלאזט א ריזן בארג שאדנס אויף אירע שפורן. די הייזער אין אונזערע געגנטער זענען חרוב געווארן, ביזנעסער אונטערגעברענגט און פובליק ערטער זענען געבליבן נישט צום דערקענען און לעבנס זענען פארלוירן געגאנגען. עס איז ווירקליך א שרעקליכע דורכלעבעניש פאר אונזערע קאמיוניטיס, און מיר קענען נאך אלץ שפירן די ווירקונגען פון דעם שטורעם ביז׳ן היינטיגן טאג. צוריקקוקנדיג א צענדליג יאר שפעטער, וואס איך געדענק דאס מערסטע איבער די טעג, וואכן און חדשים נאכ׳ן שטורעם איז דער וועג וויאזוי מיר זענען זיך אלע צוזאמגעקומען אלס א קאמיוניטי צו העלפן די וועלכע זענען אפעקטירט געווארן. זינט דעם שטורעם, האבן מיר געארבעט אויפ׳ן סטעיט שטאפל צו פארשטערקערן אונזערע ברעגע קאמיוניטיס און ארבעטן איינצופירן שטורעם לינדערונג מאסנאמען אין אונזערע וואסערן כדי אז ווען דער נעקסטער שטורעם שטויסט אן זענען מיר גרייט דערפאר. אין צוגאב ארבעטן מיר אויף זיין א ריינע ענערגיע סטעיט צו העלפן רעדוצירן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג. איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן יענעם טאג און די שאדן וואס מיר זענען אויסגעשטאנען, אבער איך וועל אויך קיינמאל נישט פארגעסן די שטארקייט פון אונזערע קאמיוניטיס אויף זיך צוזאמצוקומען און זיך אומקערן נאך שטערקער ווי פריער. איך שעץ ווירקליך די באמיאונגען פון גאווערנער האוקול, אזוי ווי די סטעיט בלייבט וואכזאם אין זיך גרייט מאכן צו אדרעסירן די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג און צוקונפטיגע שטורעמעס, דורך בויען אויף די ארבעט געטון דורך GOSR מיט׳ן ניי-געפארעמטן ׳אפיס פאר שטאנדהאפטיגע שטובער און קאמיוניטיס׳.״

**אסעמבלי-מיטגליד סטעיסי פעפער אמאטא האט געזאגט**, ״דאס שאפן דעם ׳אפיס פון שטורעם ערהוילונג און שטאנדהאפטיגקייט׳ פון דעם גאווערנער איז וואונדערליכע נייעס פאר אונזערע קאמיוניטיס. אזוי ווי מיר טוען געדענקען דעם צענדליג-יאר זינט האריקעין ׳סענדי׳, איז עס גאר וויכטיג צו געדענקען ווי ווייט מיר זענען געקומען, און וואספארא שטאנדהאפטיגקייט מיר האבן באוויזן, איבערהויפט אין סאוט קווינס. כאטש מיר האבן זיך צוריקגעבויט, איז אבער נאך דא אסאך ארבעט צו טון און דער נייער אפיס סאלידיזירט א פארשפרעכונג צו העלפן אנווייזן און פארזיכערן אז אונזער אנגייענדע ערפאלג אין אלע באמיאונגען פון שטורעם ערהוילונג.״

**קווינס בארא פרעזידענט דאנאוואן ריטשערדס האט געזאגט** ״עס איז שווער צו גלייבן אז עס איז שוין 10 יאר זינט סופּערסטאָרם ׳סענדי׳ האט חרוב געמאכט קאמיוניטיס דא אין קווינס און לענגאויס דעם סטעיט. אבער אזוי ווי קלימאט ענדערונג זעצט פאר אונז אויסצושטעלן צו קאטאסטראפעס, מוזן מיר אפערירן מיט׳ן גלייבן אז עס וועלן קומען נאך שטורעמעס ווי ׳סענדי׳ אין אונזערן צוקונפט. מיט׳ן שאפן דעם נייעם קביעות׳דיגן סטעיט אפיס גלייב איך אז ניו יארק וועט זיין מער צוגעגרייט ווי סיי ווען פריער צו באהאנדלען די ערגסטע פון וואס די מוטער נאטור קען אויף אונז אנווארפן. די באדייט פון ניו יארק איז אונזער שטאנדהאפטיגקייט ביים אויסשטיין שוועריגקייטן. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר פארזיכערן אז דאס וועט שטענדיג זיין דעם פאל.״

**קווינס דיסטריקט אטוירני מעלינדע קעטס האט געזאגט**, ״סופּערסטאָרם ׳סענדי׳ האט געברענגט פרעצעדענטלאזע חורבנות אויף קווינס קאונטי. אין דעם 10-יעריגן יארטאג, טוען מיר ווייטער געדענקען די וועמען מיר האבן פארלוירן און אנערקענען די פעסטגעהאלטנקייט פון יעדן וועמענס לעבנס זענען אויף אייביג געענדערט געווארן דורכ׳ן שטורעם. ליידער ווערט שווערע וועטער מער און מער אפט צוליב די ווירקונג פון קלימאט ענדערונג, און מיר מוזן ווייטער בויען בעסערע, שטערקערע אינפראסטרוקטור צו באשיצן אונזערע געגנטער. ניו יארק סטעיט, אונטער דער פירערשאפט פון גאווערנער האוקול, פירט דעם וועג אין שטורעם ערהוילונג און ברעגע שטאנדהאפטיגקייט באמיאונגען און דער נייער סטעיט קערפערשאפט היינט אויסגעמאלדן וועט ווייטער פירן די ארבעט וואס העלפט אונז באשיצן און בליען.״

**רעווערענד דר. לעסלי מולינגס האט געזאגט,** ״אונזער קאמיוניטי איז אייגנארטיג רואינירט געווארן דורך די היזקים פון סופּערסטאָרם ׳סענדי׳ און דאס איבערבויען איז נישט גרינג געווען. דאך זענען מיר געבענטשט מיט פירער ווי גאווערנער קעטי האוקול וועלכע האבן געמאכט זייער טריישאפט צו אונזער קאמיוניטי קלאר ווי דעם טאג. אזוי ווי מיר געדענקען די פחדים פון אקטאבער 2012 און די וועמען מיר האבן פארלוירן, טוען מיר זיך מקבל זיין פונדאסניי צום קאמף פאר שטאנדהאפטיגקייט, איבערבוי און ערהוילונג.״

דער 10-יעריגער יארטאג באריכט שטעלט צו א ברייט-ארומנעמיגע איבערבליק פון דעם GOSR׳ס פארענדיגטע און אנגייענדע שטאנדהאפטיגקייט אונטערנעמונגען אין די פאלגענדע ערטער אויף צו שטיצן ניו יארק׳ס ערהוילונג.

**האָוזינג אויפריכטונג**

דער יעצט-פארענדיגטער הייס אייגנטימער פראגראם האט פארזארגט 1.27 ביליאן דאלער דירעקט פאר ניו יארקער אויף צו שטיצן דאס פארטיגן איבער 11,000 האוזינג ערהוילונג און שטאנדהאפטיגקייט פראיעקטן, אריינגערעכנט 3,500 הייס דערהייבונגען און איבער 400 איבערבויאונגען.

דער ׳NY רייזינג׳ אויסקויף פראגראם האט ערפאלגרייך אומגעקערט 615 שטורעם געשעדיגטע פראפערטיס צום נאטור — אריינגערעכנט 423 אויף סטעטען איילענד, 130 אויף לאנג איילענד, און 62 אפסטעיט — דערביי ערמעגליכן פאר זיי צו דינען אלס א נאטורליכע ברעג צוים וואס וועט באשיצן ארומיגע אומגעגנטער אויף ווייט אינעם צוקונפט.

דער פרייוויליגער פראגראם האבן צוגעשטעלט 276 מיליאן דאלער פאר ניו יארקער וועלכע האבן געזוכט זיך אוועקצוציען און נישט איבערבויען, און גלייכצייטיג מאכן א סטראטעגישע אינוועסטירונג אין די צוקונפטיגע שטאנדהאפטיגקייט פונעם סטעיט. נאטורליכע ערטער העלפן זיך צופאסן צו די ווירקונגען פון קלימאט ענדערונג דורך אננעמען שטורעם-וואסער און רעדוצירן פלייצונג. זיי העלפן אויך רעדוצירן קארבאן פון דער אטמאספערע, רעדוצירן פארפעסטונג און פארבעסערן לופט קוואליטעט. ביז היינט

האט דעם פראגראם גרייט געמאכט ערד-שטח פאר'ן סטעטען איילענד ים-מויער פראיעקט, די סטעטען איילענד יוגנט סאָקער ליגע, פארשידענע ערליי ארטיגע צוזאמארבעטער אויף לאנג איילענד.

**קאמיוניטי ווידער-געבוי אינפראסטרוקטור**

GOSR'ס 'NY רייזינג' קאמיוניטי ווידער-געבוי פראגראם באשעפטיגט ארטיגע פאראינטערעסירטע פארטייען אין דעם לאנג-טערמיניגן פראצעס אין זייערע קאמיוניטיס און העלפן אנטוויקלען פראיעקט פארשלאגן וועלכע פאקוסירן אויף זייער ספעציפישע געברויכן און אייגנטומען נאך סופערסטאָרם 'סענדי', האריקעין 'איירין' און טראפישע שטורעם 'לי'.

ביז היינט, האט די ארבעט מיט סטעיט, ארטיגע און נאן-פראפיט סוב-באקומער צוזאמארבעטער צו פארטיגן איבער 200 שטאנדהאפטיגקייט פראיעקטן און פראגראמען אין סה"כ פון 306 מיליאן דאלער לענגאויס דעם סטעיט, מיט איבער 80 יעצט אין דער קאנסטרוקציע פאזע. דער 625 מיליאן דאלערדיגן זעצט פאר ווייטער צו העלפן קאמיוניטיס זיך אפרופן צו צוקונפטיגע שטורעמעס, וועלכע טרעפן זיך מער אפט אזוי ווי אונזער קלימאט ענדערט זיך.

דער גאווערנער האט ארויסגעהויבן דעם 45.5 מיליאן דאלערדיגער אינוועסטירונג אין דעם 'NY רייזינג' קאמיוניטי ווידער-געבוי פראגראם געמאכט אין די ראקעוועיס און בריזי-פוינט, וואס אנטהאלט די יעצט פארענדיגטע:

1. 1.3 מיליאן דאלער גרייטקייט טרענירונג פאר נאן-פראפיט ארגאניזאציעס און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראם אין פאר ראַקעוועי
2. 2.4 מיליאן דאלער בעק-אַפּ עלעקטרישע קראפט און שטאנדהאפטיגקייט אפגרעידס צו קריטיש נייטיגע קאמיוניטי איינריכטונגען אין פאַר ראַקעוועי — דער יונג איזרעיל פון וועיווקרעסט און בעיסוואטער, אדאבא העלט צענטער און סט. דזשאן'ס עפיסקאפעל שפיטאל
3. 4.5 מיליאן דאלערדיגע דאונטאון פאַר ראַקעוועי סטריטסקעיפ, וואס אפגרעיד'ט די אפלויף סיסטעמען און גלייכצייטיג אויך מאכנדיג דעם דאונטאון געגנט מער פיסגייער-גינציג און צוטריטליך
4. 11.7 מיליאן דאלערדיגע אפלויף און שטורעם-וואסער פארוואלטונג לענגאויס דער בריזי פוינט קאמיוניטי
5. דורך איר אינפראסטרוקטור פראגראם, האט דער סטעיט אויך פארענדיגט 12 גרויס-פארנעמיגע פראיעקטן אין סה"כ פון 218.4 מיליאן דאלער

**'ריבילד ביַי דעזיַין'**

אין יוני 2014, האט דער 'יו-עס דעפארטמענט פון האָוזינג און אורבען דעוועלאפמענט' (HUD) אנאנסירט די געווינער פון איר אינאווירטער 'ריבילד ביַי דעזיַין' פארמעסט, א קאנטעסט וואס האט געמוטיגט צווישן-געביטליכע פלאנירונג, אויסשטעל, און אינזשינערונג פירמעס צו שאפן בלופרינטן פאר ערהוילונג און שטאנדהאפטיגקייט באמיאונגען.

דער 125 מיליאן דאלארדיגער 'ליווינג וויט דע בעי' אונטערנעמונג צילט אויף צו פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט פון קאמיוניטיס לענגאויס דעם מיל ריווער דורכ'ן פארמינערן די שאדנס פון שטורעם אנפלייץ, בעסער זיך ספראווען מיט שטורעם-וואסער, פארבעסערן קוואליטעט פון וואסער און באשעפעניש וואוין-ערטער, און העכערן צוטריט צום מיל ריווער דורך סיי אינפארמאציע און סיי פארמערטע פארוויילונג געלעגנהייטן.

GOSR האט פארענדיגט די ערשטע צוויי פון אכט ׳ליווינג ברעיקוואטערס׳, א 107 מיליאן דאלערדיגן פראיעקט הארט ביים בארטן פון טאטענוויל, סטעטען איילענד. ׳ליווינג ברעיקוואטערס׳ איז אן אינאווירטער בארטן ׳גרינע׳ אינפראסטרוקטור פראיעקט געאייגנט אויף צו רעדוצירן אדער צוריקדרייען ערד אפשווענקונג און שאדן פון שטורעם כוואליעס, פארבעסערן די געזונט פון דעם עקא-סיסטעם ביי דעם ׳רעריטען בעי׳ און מוטיגן אפוטרופוס׳שאפט פון אונזערע נעבן-ברעג וואסערן און אין אלגעמיין פארבעסערן מענטשן׳ס הנאה פון דעם ברעג-ליניע פון דרום סטעטען איילענד.

**קלענערע ביזנעס שטיצע**

דער יעצט-פארענדיגטער ׳NY רייזינג קלענערע ביזנעס פראגראם׳ האט מסדר געווען ערלעדיגט פארריכטונגען, איבערבוי און ארבעט קאפיטאל פאר שטורעם-אפעקטירטע קלענערע ביזנעסער לענגאויס דעם סטעיט — אנערקענענדיג די גרויסע ראלע וואס זיי שפילן אין דער עקאנאמיע פונעם סטעיט. דער פראגראם פארזארגט איבער 52 מיליאן דאלער פאר איבער 1,000 קלענערע ביזנעסער.

דער פולער באריכט איז צו באקומען דא אויף GOSR׳ס וועבזייטל: www.storm-recovery.org

**שטורעם שטאנדהאפטיגקייט און עלעקטרישע גריד באפעסטיגונג פארשריט**

אין צוגאב צו דעם 10-יעריגן יארטאג באריכט, האט גאווערנער האוקול אויסגעמאלדן אז דער סטעיט האט אינוועסטירט 19 ביליאן דאלער אין עלעקטרישע ׳גריד׳ באפעסטיגונג איבער׳ן פארלאפענעם יאר-צענדליג. אינוועסטירונגען ביז היינט זענען כולל שטורעם באפעסטיגונג, שטאנדהאפטיגקייט און פארלעסליכקייט אונטערנעמונגען און פלאנצונגען פארוואלטונג.

- 4.9 ביליאן דאלער איז אינוועסטירט געווארן אין לאנג איילענד׳ס עלעקטרישע ׳גריד׳, פארבעסערן שטורעם גרייטקייט און רעזולטירנדיג אין א 35 פראצענטיגע רעדוקציע אין קאסטומערס מיטמאכן עלעקטרישע קראפט אויסלעשונגען.
- 49 מיליאן דאלער אינוועסטירט פאר שטורעם-באפעסטיגונג און העכערן דריי ראַקעווּעי סובסטאנציעס (ארווערנע, פאַר ראַקעווּעי, און ראַקעווּעי ביעטש סובסטאנציעס) איבער׳ן 500-יעריגער פלייצונג שטאפל.
- 10 מיליאן דאלער צו שטורעם באפעסטיגן אכט ראַקעווּעי אויסטיילונג רעדלעך, אריינגערעכנט אינסטאלירן שטערקערע שטאנגען און דראטן און ארויסשטעלן אן איבערגעארבעטע שמאלע סארט אויף צו באצוימען שאדנס פון געפאלענע בוים צווייגן.

אין צוזאמארבעט מיט ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי, טוט די יו-עס ארמיי קארפוס פון אינזשינערן פאראויס-פירן דעם 600 מיליאן דאלערדיגן ׳ראַקעווּעי און דזשעמעיקע בעי בארטן שטורעם ריזיקע רעדוקציע פראיעקט׳, וואס נעמט אריין קאנסטרוקציע אויף סיי דעם אטלאנטיק און סיי דזשעמעיקע בעי ברעג-ליניעס פון דעם ראַקעווּעי פענינסולע.

- אויף דעם אטלאנטישן בארטן-ליניע, אנטהאלט דער פראיעקט דאס בויען א געהעכערטע זאמד בערגל באפעסטיגט מיט אן אינערליכן בלאט-שטאל און באגראבענע שטיין, 19 נייע אדער רעהאביליטירטע שטיין גראוינס צו האלטן זאמד אויפ׳ן ביעטש און ברעכן כוואליעס, און א נייע בערגל-אריבערגאנג סטרוקטור צו שטיצן פובליק צוטריט.

- אין דזשעמעיקע בעי נעמט דער פראיעקט אריין א סעריע קלענערע לעוויס, פלייצונג מויערן און אנדערע אייגנשאפטן אויף צוצושטעלן באשיצונג פון קלענערע און מער אפטע פלייצונג אינצידענטן אין נידעריג-ליגנדע ערטער פון די העמעלס, עדזשמער, און אווערנע געגנטער.

אין צוגאב איז דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג געווען פארמישט אין פראיעקטן און שטודיעס אין סה״כ פון איבער 5 ביליאן דאלער אין סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען לענגאויס ניו יארק סיטי און לאנג איילענד צו פאראויס-פירן ערהוילונג און שטאנדהאפטיגקייט פראיעקטן. צוגעגעבענע ארבעט צו פארזארגן לאנג-טערמיניגע באשיצונג קעגן טויטליכע שטורעם אנפלייץ און פלייצונג איז אונטערוועגנס. ניו יארק סטעיט און ארטיגע פירנדע פראיעקטן זענען כולל:

- ׳סאָוט שאָר וואָטער רעקלעמעישען פאַסיליטי רעזיליענט ריבילד׳ (830 מיליאן דאלער) — א קאמפלעט ווידערשטאנד-פעאיגע איבערבוי פון דעם געוועזענעם בעי פארק מיסט-וואסער באהאנדלונג פאבריק עס צו באשיצן קעגן א 500-יעריגן שטאפל שטורעם.
- ׳בעי פארק קאנוועיענס פראיעקט׳ (439 מיליאן דאלער) וועלן פירן מיסט-וואסער ארויס צום ים, פארשטערקערנדיג נאטורליכע פלייצונג באשיצונגען אין לאנג איילענד׳ס מערב בעיס.
- לאָנג ביעטש מיסט-וואסער אינטערקאנעקט (130 מיליאן דאלער) וועט איבערטויש און שטערקער מאכן דעם עקזיסטירנדן מיסט-וואסער באהאנדלונג אין לאָנג ביעטש.
- די סופאלק קאונטי בארטן שטאנדהאפטיגקייט איניציאטיוו (408.8 מיליאן דאלער) אפגרעיד׳ט סעפּטיק און סוּער סיסטעמען צו היימען אין בעבילאָן, מעסטיק-שירלי.
- פעטשאָוג ריווער וואסער-אפשייד פראיעקט (21 מיליאן דאלער) וועט באהאפטן אומגעפער 500 הייזער אין דעם טייך׳ס וואסער-אפשייד און לענגאויס גרעיט סאָוט בעי צו רעדוצירן נייטראָדזשען ארויסגאס און שאפט געזונטערע בארטן-ליניעס, לינדערנדיג דערמיט פלייצונג ווירקונגען.

אריינגערעכנט סופערסטאָרם ׳סענדי׳, האט ניו יארק סטעיט באקומען 13 פרעזידענציעלע דיזעסטער דעקלעראציעס אין דעם פארלאפענעם יאר-צענדליג. דאס האט ערמעגליכט פאר ניו יארק צו באקומען באלד 27 ביליאן דאלער אין פעדעראלע פובליק הילף פאָנדינג אויף אויפצוריכטן געשעדיגטע אינפראסטרוקטור, ווי אויך באלד 1.4 ביליאן דאלער אין פעדעראלע געפאר לינדערונג פינאנצירונג אויף צו שטיצן לאנג-טערמיניגע געפאר לינדערן פלאנירונג און פראיעקטן געצילט אויף פארבעסערן קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט.

די פינאנצירונג ווערט ווייטער אנגעפירט דורך דער דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס און האט דירעקט געשטיצט קריטישע שטאנדהאפטיגקייט און ערהוילונג פראיעקטן וועלכע שטאמען דירעקט פון האריקעין ׳סענדי׳, אריינגערעכנט:

**פובליק שטיצע**

- **ניו יארק סיטי האוזינג אויטאריטעט (NYCHA) — 2.9 ביליאן דאלער** — פאר פארריכטונג, אויפריכטונג, שטורעם אנפלייץ באשיצונג און לינדערונג מאסנאמען ביי 35 געשעדיגטע האוזינג קאמפלעקסן לענגאויס די פינף באראס, אריינגערעכנט 20 NYCHA דעוועלאפמענטס וועלכע האבן באקומען נייע הייצונג אין געהויבענע און פלייצונג-באשיצטע סטרוקטורן. אין צוגאב, האבן 201 געביידעס יעצט קביעות׳דיגע, פולער-לאדן דזשענערעיטערס אין פאל פון עלעקטרישע קראפט אויסלעשונגען.

- **לאנג איילענד פּאַווער אויטאריטעט (LIPA) - 1.4 ביליאן דאלער** פארקריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור פארריכטונג און לינדערונג אויף זייערע גאנצע עלעקטרישע אויסטיילונג סיסטעם, אריינגערעכנט באמיאונגען צו הייבן אדער אריבערפירן אויסריכטונגען ביי סובסטאנציעס געשעדיגט דורך האריקעין ׳סענדי׳ און דאס פארשטערקערן געשעדיגטע טראנסמיסיע ליניעס.

**געפאר לינדערונג**

- **פארט אויטאריטעט פון NY/NJ לאגווארדיע פלייצונג קאנטראל (קווינס) - 40.6 מיליאן דאלער -** צו שאפן א פלייצונג מויער ארום דעם מזרח עק בליץ קאמער און סובסטאנציע, ווי אויך דאס אינסטאלירן דזשענערעיטערס און צולייגן אפגאס צו שטיצן די שטורעם פאמפ סטאנציע.
- **פארט אויטאריטעט פון NY/NJ - ׳JFK עירפארט טייד געיטס׳ (קווינס) - 6.0 מיליאן דאלער -** צו אינסטאלירן מערערע צוריקפליס אפהאלט מכשירים ביי דעם צפון-מערב עק פונעם עירפארט.
- **סופאלק קאונטי בארטן שטאנדהאפטיגקייט איניציאטיוו - 409 מיליאן דאלער -** אוועקצופירן ביז 5,559 ערד-טײלן פון סעפּטיק סיסטעמען און סוער פארזאמלונגען און באהאפטן צו נייע סוער סיסטעמען ווי אויך בויען א נייער, סטעיט-אָוו-דע-אַרט אפפאל-וואסער באהאנדלונג פאבריק אין דעם פארדזש ריווער וואסער-אפשייד.
- **נעסאוי קאונטי מערב בעיס שטאנדהאפטיגקייט פראיעקט - 532 מיליאן דאלער -** אוועקצופירן ביז 90 פראצענט פון די נייטראָדזשען אנלאדענונג אין א פון-פריער אפגעשוואכטע ארט אויף צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין די מערב בעיס. דער פראיעקט רעכנט אריין דאס בויען א נייעם פאמפ סטאנציע ביי בעי פארק, דאס אינסטאלירן א 2-מייליגע קראפט מעין דורך מייקרא-טונעל פון בעי פארק צו סאנרייז הייוועי, דאס ווידער-צוועקן א 7.3-מייליגן אקוועדוקט לענגאויס סאנרייז הייוועי, און דאס אינסטאלירן א 1.6-מייליגן קראפט מעין דורך מייקרא טונעל פון סאנרייז הייוועי ביז סידער קריעק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418